12 גלויבט צוליב די מעשים אַליין. באמת, באמת זאָג
איך אייך: דער, וואָס גלויבט אין מיר, די מעשים
וואָס איך טו, וועט ער אויך טון; און גרעסערע ווי
די דאָזיקע וועט ער טון, ווייל איך גיי צו דעם
13 פאָטער. און וואָס איר וועט נאָר בעטן אין מיין
נאָמען, וועל איך דאָס דאָזיקע טון, כדי דער פאָטער
14 זאָל פאַרהערלעכט ווערן אין דעם זון. אויב איר
וועט מיך עפּעס בעטן אין מיין נאָמען, וועל איך
15 עס טון. אויב איר האָט מיך ליב, זאָלט איר האַלטן
16 מיינע געבאָטן! און איך וועל בעטן דעם פאָטער,
און ער וועט אייך געבן אַן אַנדערן פּרקליט,
17 כדי ער זאָל זיין מיט אייך אויף אייביק; דעם גייסט
פון אמת, וואָס די וועלט קען אים נישט אויפנעמען,
מחמת זי זעט אים נישט און קען אים נישט; איר
קענט אים יאָ, ווייל ער בלייבט ביי אייך און וועט
18 זיין אין אייך. איך וועל אייך נישט איבערלאָזן
19 ווי יתומים; איך וועל קומען צו אייך. נאָך אַ קליינע
ווײַלע און די וועלט זעט מיך מער נישט, איר אָבער
זעט מיך; ווייל איך לעב, וועט איר אויך לעבן.
20 אין יענעם טאָג וועט איר וויסן, אַז איך בין אין
מיין פאָטער, און איר זענט אין מיר, און איך בין
21 אין אייך. ווער עס האָט מיינע געבאָטן און האַלט
זיי, דער איז עס, וואָס האָט מיך ליב; און דער,
וואָס האָט מיך ליב, וועט זיין געליבט פון מיין
פאָטער, און איך וועל אים ליב האָבן, און וועל מיך
22 אַנטפּלעקן צו אים. זאָגט צו אים יהודה, נישט דער
איש קריות: האַר, וואָס איז געשען, אַז דו וועסט
דיך אַנטפּלעקן צו אונדז און נישט צו דער וועלט?
23 האָט ישוע געענטפערט און געזאָגט צו אים: אויב
עמיצער האָט מיך ליב, וועט ער האַלטן מיין וואָרט;
און מיין פאָטער וועט אים ליב האָבן; און מיר וועלן